Bibl. Jagiell.

Rok I. Żydowska Gazeta Robotnicza. Organ partyi socyalno-demokratycznej. Nr. 21.

די אדרעסע פון דער רעדאקציע און אדמיניסטראציע:
Jüdische Arbeiter Zeitung
Kraków,
Sławkowska 29.
טעלעפאָן נומער 624
איינצעלנע נומער 8 העל.

# יודישע ארבייטער=צייטונג

ארגאן פון דער סאציאל־דעמאקראטישער פארטיי.

ערשיינט יעדען פרייטאג.

אבאָנאמענטס־פרייז:
יעהרליך: 4. קראָנען.
האלביעהרליך: 2. קראָנען.
פיערטעליעהרליך: 1. קראָנע.

פרייז פון אנאָנסען:
פיר יעדער שורה פעטיט אָדער איהר פלאטץ 10 העללער.

Kraków, piątek 25 sierpnia 1905. נומר 21. קראקוי, 25 אויגוסט 1905.

## גענאסען, פערשפרייט די „יודישע ארבייטער צייטונג"!

## א „קאנסטיטוציע" אין רוסלאנד.

ענדליך דאָך אמאל, האט זיך נעוויס ארויסגעריסען פיעל פון מויל, דערזעהענדיג דעם נייעם מאניפעסט. דאס וואס מען האט נעהאלטען מיט יאהרען צוריק פאר אונמעגליך, דאס וואס האט נאך נעסטערן אויסגעזעהן אונוואהרעיינליך, האט היינט פאסירט. אין א ספעציעלען אוקאז רופט דער צאר צונויף א דומא פון אויסגעוועהלטע דעלעגאטען. ווי די וואהלען זעהען אויס, וועלען מיר ווייטער זעהען, אָבער דאס אליין, אז די פערזאָנען וועלען ניט זיין בעשטימט פון צאר, ווי די בעאמטע וועט זיי אנגעבען אנ׳אנדער כאראקטער: אויב ניט פון גערעכטינקייט איז פון אונאבהענגינקייט. און אין דעם בעשטעהט די היסטאָרישע בעדייטונג פון דעם פאקט.

ווי די „קאנסטיטוציע" זעהט אויס, איז גענוג אויב מיר וועלען זאָגען, אז דאָס רעכט צו שטימען האָבען נור מענשען, וואָס צאָהלען דירה־געלד מעהר ווי 800 רובעל און אויך זיי וועהלען ניט דירעקט די אבגעאָרדענטע; זיי וועהלען איצט די וועהלער. אזוי איז אין די שטעדט, אויף׳ן דאָרף איז נאָך ערגער. דאָרט זיינען די וואהלען דרייפאכיגע. דאָס הייסט די פויערים (נאטירליך נור רייכע) וועהלען אויס דעלעגאטען, וועלכע וועהלען ערשט אויס וועהלער. אזויערנאָך זענען די וועהלער דורכגעזיפט דורך א צוויי־ און א דרייפאכיגע זיפ. אזוינס קען נאָך קיין לאנד ניט. זאָגאר גאליציען, וועלכע איז אין פיעל הינזיכטען געוועזן א מוסטער פאר בולינין׳ען, אייב אָבער די דאָרפישע וועהלער האָט בולינין בעהאנדעלט ווי שטיף־קינדער, געפעלען איהם גראָד פויערישע אָבגעאָרדענטע. זיי זענען דעריבער קודם פאר אלע אנדערע קאנדידאטען. עס וועט ווערען קלאָר, ווען מיר וועלען דערמאָהנען, אז דער רוסישער מוזשיק שטעהט נאָך אויף זעהר א ניעדריגען קולטורעלען צושטאנד. אז ער גלויבט נאָך אין פיעל ערטער אין צאר. אזוי זעהט אויס דער וואהל סיסטעם אין רוסלאנד גופא. פאר פוילען, טורקעסטאן, קאווקאז און עטליכע וואנדערנדע אזיאטישע פעלקער דארפען מען נאָך איצט אויסארבייטען א נייעם שווינדעל. און עס איז זיך נימאָ צו וואונדערן, וואָס די „קאָנסטיטוציע" איז פארטאצקע אויסגעשריבען, מיט די ווייסע פעדים פון געשווינד אויסגעטראכט, שווינדלען, וועלכע רייסען אָבער אויס די אויגען; וואָס זי איז נאָר איינפאך ניט געענדיגט. דאָס ערקלעהרט זיך דערמיט, וואָס די רעגירונג האָט ביז דער לעצטער מינוט ניט געמיינט ערנסט מיט דעם זאָגען. איצט אין דער לעצטער מינוט, ווען מען האָט זיך ארומגעזעהן, אז וואָס עס איז, אָבער געבען מוז מען און אז אין א פאָר וואָכען ארום קען שוין זיין צו שפעט, האָט מען אין דער גיך גענומען איבערשרייבען די ערנסטע פאראגראפען פון דער עסטרייכישער און דייטשער קאָנסטיטוציע. דאָס רעשט איז שוין ריינע צארישע ווילקירען, וועלכע רעכענען זיך ניט מיט קיין זאך און קיינעם.

נור ניט דעריבער מאכען אלע, זאָגאר די בורזשואזע פרעסע, חוזק פון דער קאָנסטיטוציע. איהר פעהלען די הויפט סמנים, וואָס יעדע קאָנסטיטוציע מוז האָבען, איהר פעהלט: מאכט און פרייהייט, איהר פעהלט אלזא לייב און לעבען. אמאָל, פאר די רעוואלוציעס האָבען די מלכים געהערשט אייבעראל אבסאָלוטיש; נאָך די רעוואלוציעס האָבען זיי אָבגעטראטען פון זייער מאכט דעם פאָלק, אָדער דעם פארלאמענט. פון דאן אָן קען שוין דער מלך אליין ניט ארויסגעבען קיין געזעטצען, דיזעס רעכט פון פאָלק הייסט א קאָנסטיטוציע און אזא פארלאמענט הייסט א געזעטצגעבערישער. דער פארלאמענט גיט ניט נור ארויס נייע געזעטצען, נור ער גיט אויפזיכטונג אויף די רעגירונג, ווי אזוי זי פיהרט איין די געזעטצען אין לעבען, ווי זי ווירטשאפטעט און ז. וו. ווען די רעגירונג טהוט ניט אזוי ווי ער הייסט, דאן האָט ער פיעל מיטלען זי דערצו צו נויטהען, ער ציהט איהר צוריק זיין קרעדיט, גיט איהר ניט קיין זעלנער און קען זאָגאר די מיניסטארען שטעלען פאר׳ן געריכט. דאָס איז איינס, נור די מאכט אליין וואָלט נאָך געוועזן ווייניג, ווען עס זאָל ניט זיין די נויטהיגע פרייהייט צו רעדען אין פארלאמענט און נאָכהער עס אין דער פרעסע איבערדרוקען. ווען ניט די פרייהייט, וואָלט דער עולם נאָר ווייניג געהאט א בעגריף אום וואָס עס האנדעלט זיך; ווען ניט די אונריהרבארקייט פון אנ׳אבגעאָרדנעטען, וואָלט זיי די רעגירונג גערודפ׳ט פאר יעדעס וואָרט קריטיק.

אין רוסלאנד איז ניטאָ ניט די ערשטע און ניט די צווייטע. די דומא איז א בעראטהונגס־אינסטיטוציע. זי האָט ניט קיין דעה, זי קען נור געבען אנ׳עצה און אויך נור דאן ווען מען פרעגט זי. פיעל אנגעלעגענהייטען זיינען אויסגעשלאסען פון איהר קאָמפעטענץ. איבער מיליטער צב. האָט זי נאָר ניט וואס צו רעדען. און זאָגאר די עצה קען זיך די רעגירונג לייכט פערשפאָרען, ווען זי וויל נור. זי קען איינפאך אויסמיידען די דומא און אריינגעבען דעם פראָיעקט פון געזעץ גלייך אין שטאאטליכען ראטה (אזוי ווי אונזער העררן־הויז). אזא „פארלאמענט" האט אלזא ניט קיין בייטש אויף די רעגירונג, נור פארקעהרט, די רעגירונג האָט אויף איהם א בייטש. אזוי זעהט אויס די מאכט פון דער דומא. ניט בעסער זעהט אויס די פרייהייט. דעם אבגעאָרדענטען קען מען ארעסטירען גלייך מיט אלעמען; ער איז פאראנטוואָרטליך פאר אלעס וואָס ער רעדט געגען דער רעגירונג. דאָס פובליקום איז אויסגעשלאָסען פון די זיטצונגען, די בעריכטען מעג מען דרוקען נור ווען דער פרעזידענט פון דער דומא ערלויבט עס. ווען מיר וועלען נאָך צוגעבען, אז עס זענען ניט אָבגעשאפט געוואָרען די אויסנאהמ׳ס געזעטצען געגען יודען און פאליאקען, אז די זשאנדארמעריע בלייבט ביי איהר מאכט, אז מען האָט ניט געגעבען קיין אמנעסטיע, קען מען שוין האָבען א בעגריף וואָס דאָס איז פאר א קאנסטיטוציע.

און וואָס איז מיט יודען? ווי עס איז בעוואוסט האָט די רעגיערונג אנפאנגס געהאט די חוצפא מאכען פון יודען אנ׳אויסנאהם און ניט געבען זיי קיין וואהל־רעכט. פערלירען וואָלטען יודען דערביי אמת ווייניג, ווייל ערשטענס ווי מיר האָבען געזעהען, איז דאָס וואהל־רעכט גאָר ווענינ ווערטה, צווייטענס כל זמן די ווילדע אויסנאהמס געזעטצען עקזיסטירען איז ניטא וואָס צו רעדען, די יודישע לאגע זאָל זיך פארבעסערן. אָבער עס איז געוועזן א פאטש אין פנים. מאכען פון יודען אנ׳אויסנאהם, שטעלען זיי אין איין שורה מיט ציגיינער און מערדער, דאָס וואָלט נאָך פערערגערן די אזוי אויך שוין גענוג גרויליכע לאגע פון די יודען אין רוסלאנד. ווי נור אבער די עפענטליכע מיינונג איז דערפון געוואהר געווארען האט זיך אויפגעהויבען א פראָטעסט. אלע ליבעראלע און ראדיקאלע צייטונגען האבען אויסגעוויזען, אז א חוץ וואס עס איז אונמענשליך, וועלען די יודען מיט רעכט ווייטער אגיטירען געגען דער רעגירונג. אין דעם איצטיגען מאניפעסט געפינען

Proszę zawsze żądać **Wyrobu krajowego!**

**Munka oszczędzające, jędrne mydło**

**z „nosorożcem" lub „kosą"**

z Pierwszej Galicyjskiej Parowej Fabryki **mydła i świec**

Szymona Munka w Żywcu

(Założonej w roku 1846) Próbki i cenniki darmo.

## Wydawnictwa Spółki nakładowej „Książka".

*****Blos Wilhelm.** Rewolucya Francuska. Z 2 rycinami. Dwa tomy. (Na cienkim papierze 2 tomy w jednym). Cena 12 koron.

*****Feldman W.** O Rosyi. Cena 1 korona.

*****Informator.** Stronnictwa polityczne w Królestwie Polskiem Cena 2 korony.

**Kalthoff Albert.** Światopogląd religijny. (Treść: Przedmowa. Wstęp. — Nieskończoność świata. — Zachowanie siły. — Teorya rozwoju. — Pochodzenie wiary w Boga. — Treść wiary w Boga. — Modlitwa. — Stary i nowy człowiek. — Wiara i wiedza. — Wiara i jednostka. — Wiara i życie. — Prawo dziedziczności. — Prawo przystosowania. — Idealizm. — Ideał i życie. — Ideał jednostki. — Ideał społeczny. — Ideał religijny. — Wspólnota religijna. — Kult religijny. — Biblia. — Nauka religii. — Religijne wychowanie młodzieży. — Symbole religijne. — Religia a klechy. — Rzut oka wstecz). Cena 3 korony 20 halerzy.

*****Kasprowicz Jan.** Chrystus. Poemat społeczno-religijny. Cena 3 korony w oprawie.

*****Mańkowski Mieczysław.** U stóp szubienicy. Urywek ze wspomnień więziennych „proletaryatczyka". Cena 60 halerzy.

*****Marks-Engels-Liebknecht.** Odbudowanie Polski. (Zbiór artykułów o kwestyi polskiej.) Cena 2 korony.

*****Narkiewicz-Jodko i Szymon Dykszstajn.** Polski Socyalizm Utopijny na emigracyi. (Dwie rozprawy). Cena 1 kor. 20 hal.

**Orkan Władysław.** Herkules nowożytny i inne wesołe rzeczy. (Zbiór nowel). Cena 2 korony.

**Orkan Władysław.** Ofiara. Fragment w 3 aktach z 1846 r. Cena 1 korona 50 halerzy.

**Orkan Władysław.** Wina i Kara. Tragedya w 3-ech aktach. Cena 2 kor.

*****Płochocki Leon.** Rosyjskie partye polityczne i ich stosunek do sprawy polskiej. (Treść: Przedmowa. — 1881 — 1903. Rosyjskie stronnictwa polityczne w przededniu wojny. — Stronnictwa rosyjskie wobec sprawy polskiej. — Dodatki). Cena 3 korony.

*****Stepniak S.** Losy nihilisty. Romans. Z przedmową Jerzego Brandesa. Cena 6 koron.

**Verhaeren E.** Jutrznie. Dramat społeczny. Przekład Maryi Markowskiej. Cena 2 korony.

* * *

*****Gierszyński Henryk dr.** Emigracya i Skarb narodowy. Cena 20 halerzy.

*****Luśnia Michał.** Jak się narody rządzą? (Wydawnictwo Związku Postępowej Młodzieży Polskiej z funduszu imienia H. Bukowskiego). Cena 60 halerzy.

*****Plechanow.** Anarchyzm i socyalizm Cena 2 koron 60 hal.

*****Rocznik Związku Postępowej Młodzieży Polskiej.** Rocznik I. 1905. Cena 1 korona.

**Rops F.** Porządek panuje w Warszawie. (Wspaniała heliograwura). Cena 7 koron 50 halerzy.

*****Zmowa powszechna przeciw rządowi.** (Wydawnictwo Ludowego Koła Oświaty). Cena 30 hal.

Wydawnictwa, oznaczone gwiazdką (*) nabywać można również na specyalnym cienkim papierze).

**Do nabycia we wszystkich księgarniach.**

## Pod prasą i wkrótce wyjdą.

**Jaeckh G.** Historya Międzynarodowego Stowarzyszenia Robotników.

**Promus C.** Powstanie chrześciaństwa.

**Wasilewski Leon.** Rządy konstytucyjne w Zachodnie Europie i Ameryce.

צו בעקומען אין אלע גרעסערע געשעפטען

**PARVEOL**

!!

די ריינסטע

גוואראנטירטע

פפלאנצונגס

**פוטער**

פארטרעט פאלשטענדיג
דאס נאטירליכע פוטער.

נויטהיג אין יעדער יודישער
קעך צום קאכען, פרעגלען
און באקען.

און דער פאבריק פון יאנ. זינגער אין ביעלסק (עסטרייכישע שלעזיען).

דער גענ. פערטרעטער פיר גאליציען און בוקאווינא:

Simon Loria, Kraków, Sebastayna 20.



Do

# Ameryki!

**jakoteż do innych zamorskich krajów przeprawia najtaniej** powszechnie znana firma

**B. Karlsberg, Hamburg**

Ferdinandstr. 15.

☛ **Nim kto szyfkartę kupi, niech porówna moje ceny z cenami agentów okrętowych.**

# Skład Piwa Karwinskiego

Jego Eksc. hr. Larisch-Mönnich'a

Kraków, ul. Poselska 15 — Telefon 431

poleca P. T. Publiczności swoje wyśmienite piwa

jako specyalność

**PIWO ZDROWOTNE**

**à la Kulmbachskie**

**(Granatbräu)**

**I PIWO CESARSKIE**

**à la Pilzneńskie, beczkowe i butelkowe.**

jako specyalność

**Wysyłka do domu. — O liczne zamówienia uprzejmie uprasza**

***Skład Piwa Karwińskiego***

Wydawca i odpowiedzialny redaktor **Ignacy Gross.**

Z drukarni Józefa Fischera w Krakowie

מיר דעריבער דעם אויסנאהם ניט, נור צו די יודען האבען דאס רעכט צו וועהלען און געוועלט ווערען, ווייס מען עד היום ניט.

דער רוסישער צאראט האט אנגעוואָרען די געלעגענהייט זיך וועניגסטענס אויף א לאנגע צייט צו רעטען. ־י איצטיגע קאנסטיטוציע קען קיינעם ניט צופרידען שטעלען, זאָגאר די בורזשואזיע און מכל שכן דעם פראָלעטאריאט. ער האָט מיט זיין בלוט אויסגעקעמפפט די נאָכגעבונגען און אין דער לעצטער מינוט מיידעט מען איהם אין גאנצען אויס. איצט וועט זיך אלזאָ אָנהויבען א קאמפף אויף טויט און לעבען.

אין מאניפעסט דריקט דער צאר אויס די האָפנונג, אז די דומא וועט צוריק דערנעהנטערן דאָס פאָלק פון טהראָן. פון דער תשובה וואָס דאָס ארבייטער פאָלק וועט איהם אין גאַנץ רוסלאנד געבען, וועט ער געוואָהר ווערען, אז דער תהום צווישען פאָלק און צארישען טהראָן איז נאָך טיעפער געוואָרען. עס איז ניטאָ מעהר קיין רעטונג פאר דעם צאריזמוס!

## נאטור און לעבען.

איך בייג זיך צו די בלומען איין,
זיי ווילען מיך ניט קענען,
„די אויגען דיינע — זאָגען זיי —
מיט לוסט פון ראכע ברענען.

„פון דיינע ליפען ווייהט דער הויך
פון הייסע גיהנם־פלאַמען,
און ריהרען זיי אונז אָן, דער קוס
אונז וועט אויף טויט פאר׳סס׳ען

דאָס טייכעל פליסט מיט גאָלד־באשפריצט,
און לויפענדיג, דאס וואסער
מיר רוישט ברוגזידיג: „אוועק,
דו נאטט און מענשען האססער.

„גערדאנקען פינסטערע ווי נאכט
פארמאכען דיין געהירען,
און קומסטו נאָהענט, איך וועל מיין גלאנץ
דעם גאָלדענעם פארלירען“.

די סאָסנעס פון די בערג ארום
זיי רוישען און זיי זאגען:
„וואס האט דיך איצט ס ב ט י ו ן ־ מ ע נ ש
געבראכט אהער צו טראגען —

„דאָ הערשט די רוה... און דו טראגסט אום,
אין ברוסט מלחמה שטורעם.
דאָ איז דאס לעבען גאַנץ... און דו
צופליקט ביסט פון יסורים....

אין לעבען וואו דער קאמפף געהט אָן,
געפינסטו קריענס־חברים.
די רוהיגע נאטור דיך האט
אריינעליינט אין חרם„“‘

יהואש, (פאָרווערטס.)

## א כאראקטעריסטיק פון די „פועלי ציון“.

אין 167־טען נר. „פריינד“ גיט דער בעקאָנטער יודישער פובליציסט R. א כאראקטעריסטיק פון די „פועלי־ציון“. R. איז ניט קיין סאָציאליסט און אויך א קליינער ציוניסט. זיין מיינונג איז דעריבער נאָך אינטערעסאנטער אלס א מיינונג פון אַנ׳אונפארטייאישע פערזאָן. ער רעדט אנפאנג ארום דעם ספעציעלען טיפ אינטעליגענטען, וועלכע מיר טרעפען נור ביי יודען און וועלכע ער רופט „אנגעלייענטע“. דאָס זענען מענשען אָהן עלעמענטארע בילדונג, וועלכע האָבען אָבער דורכגעקוקט, דורכגעבלעטערט אָדער זאָגאר נור געזעהען פיעל ביכער. מענשען וואָס רעדען אָפט מאָל וועגען זאכען, פון וועלכע זיי האָבען קיין בעגריף ניט און בעניטצען ווערטער, פון וועלכע זיי ווייסען זאָגאר ניט דעם טייטש. פאר אזעלכע „אנגעליענטע“ האלט דער שרייבער די פיהרער פון די „פועלי ציון“.

# פעליעטאָן.

ooooo

ווילליאם מאררים.

## א לעקציאָן פון א קעניג.

(ענדע)

און דערווייל האָט זיך די ארבייט אלס געדרוקט פאָרוועדטס, און די זון האָט זיך ארױפגעהויבען וואָס אמאָל העכער און נעהנטער צו מיטאָג. אָבער יעצט האָט דאָס געלעכטער פון די הערדן ארפגעהערט, און דאָס קלאפען פון די לאָפאָ־טעס און העק האָט זיך דייטליך נאָכגעלאָזען. דער שלאכטשיק, וואָס איז פערנומען געוועזען ארום דעם טיסט, האָט זיך אנידער געזעצט אויף א בערגעל און האָט זיך איינגעקוקט אין טייך. דער קעניג האָט בלויס הארטנעקיג געארבייט, און די אנדערע הערדן האָבען איהם נאָכגעפאָלגט דורך שאנדע, דאָס צם ענדע האָט דער נעהנסטער פון קעניג געווארפען די האָק מיט א ליארם און האָט געשאָלטען זעהר מיט מיאוסע ווערטער. און געוועזען איז דאָס א גראָבער מאנספערזאָן, מיט א שווארצע גרויסע באָרד, א געזונדער אין אלטקייט, בעקאנט פון זיין מענערשאפט. דער פיהרער פון יענער סוויטע, וועלכע האָט פיעל מאָל געבראָכען די רייהע פון די היידען, געליעבט פון קעניג זעהר, פאר זיין קאָכענדיגע נאטור.

דער קעניג האָט איהם אויך געזאָגט:

— קאפיטאָן, עס געהט נישט נאָך דעם.

— ניין, הערר. אָבער פרעג בעסער דעם אויפזעהער, וואָס אורטהיילט ער וועגען אונזער ארבייט.

— אויפזעהער — האָט דער קעניג זיך אָנגערופען — ווי צייכנען זיך אוים די טהעטיגע קאוואליערען? צו מעגליך שלעכט האָב איך איינגעריכטעט די ארבייט?

— ניין, הערר, אָבער די הערדן ווייזט שוין בלויס אוים, אז זיי ארבייטען עפעס, ווייל זיי זענען ערמיעדעט, און דאָס איז פאר דעם, ווייל זיי האָבען גע־ארבייט שווער, אָבוואָהל זיי שטאמען פון עדעל בלוט.

— איז דאָס אמת, מיינע הערדן — האָט זיך דער קעניג געווענדעט צו דער סוויטע — אז איהר זענט מיעד?

אויף דיעזע ווערטער האָבען אלע אראָבגעלאָזט די קעפּ, גאָר נישט זאָ־גענדיג, מיט דער אויסנאמע פון קאפיטאן. דיעזער וויעדער, אלס דרייסטער מענש האָט זיך־אנגערופען:

— קעניג, איך זעה יעצט, וועגען וואָס עס איז דיר געגאנגען; האָסט אונז דאָ אהער געפיהרט, אום אונז צו זאָגען די לעהרע אויף פלאטאָנ׳ס ארט, וועלכען דו האָסט אייבינג אויפ׳ן מויל; אין אמת זאָגענדיג, ווען אייך נאָר איך זאָל קענען ארויסטראָגען זיך פון דאנען ווי אָם שנעלסטען און זיך אנידער זעצען ביים טיש, רעד, וויפיעל דו ווילסט אליין! אָבער צו ווערסטו מיר ערלויבען שטעלען דיעזע בויער איינינע פראגען?

— רעד — האָט דער קעניג געזאגט, נאָך וועלכען דורך זיין קאָפף איז אדורך געלאָפען א וואָלקען מיט געדאנקען.

דער קאפיטאן האָט זיך אויסגעגלאכט, און האָט געפרעגט דעם בויער:

— מיין בראווער מאן, ווי לאנג ארבייטען מיר דאָ?

— צוויי שטונדען, אָדער נישט פיעל וועהניגער, רעכענדיג לויט דער זון — האָט יענער געענטפערט.

זייערע ראָליעס און געהאַלטען זיך זעהר פֿריי אויף דער סצענע, וואָס טרעפֿט זיך ניט שטענדיג ביי אַמאַטאָרען.

און נאָך אַ וואָרט. צו איז כדאי צו שפּיעלען אין אַ פֿאָלקסטעאַטר אַ שטיק, וועלכע איז איין גרויסע טענדענץ (מיר וועלען נאָך מאַכען אויפֿמערקזאַם אויף די לינענס, וואס דער פֿערפֿאַסער לעגט אריין נחמן'ען אין מויל וועגען דער יודישער לאַגע אין גאַליציע)? צו דען האבען ווירקליך די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד אויסגעציינט דעם באַנקראָט פֿון דער ציוויליזאַציע? דאָס איז אַליין איינס ווי ווען מען זאָל שפּיעלען אַ שטיק, אין וועלכער אַלע יודען וועלען זיין פּראָצענטניקעס. דאָס קען נור פֿערשטאַרקען דעם שאָוויניזמוס און פֿאַנאַטיזמוס, סיי דעם יודישען און סיי דעם קריסטליכען.

מ. מיכלזאָהן.

---

# ליטעראַטור אין לעבען.

פֿאָלגענדע ביכער זענען אָנגעקומען אין די רעדאַקציע פֿון „יודישע אַרבייטער צייטונג“:

די קאָנסטיטוציע און אונזער פּראָגראַם. ערשטער טהייל. די פּאָליטישע אָרדנונג. כ. ב—קי. אַרויסגעגעבען פֿון אַלגעמיינעם יודישען אַרבייטער בונד אין ליטא, פּוילען און רוסלאַנד. דרוקעריי פֿון בונד. זשענעווע, יוני 1905.

Na barykady. Organ Warszawskiej Organizacyi Polskiej Partyi Socyalistycznej (P. P. S.) Nr. 3. Sierpień.

Naprzód. Organ Siedleckiego Komitetu Okręgowego P. P. S. Nr. 1. Sierpień.

W sprawie bojkotu szkoły rosyjskiej. Odpowiedź P. P. Aszkenazemu, Massoniusowi, Popielowi i Legitymistom innym. Kraków, 1905 — Spółka Nakładowa „Książka“ (Grodzka 50). Cena 60 halerzy.

Rosyjskie partye polityczne i ich stosunek do sprawy polskiej. Napisał L. Płochocki. Kraków. Nakładem Spółki Nakładowej „Książka“ (Grodzka 50). Cena 3 korony.

Zionismus und Kirchenstaat von H. K. (Samuelo). Berlin. I. Singer & Co. Grosse Präsidentenstrasse No. 2.

Jüdische Aerzte und ihr Einfluss auf das Judentum. Von Dr. Simon Scherbel, Arzt in Lissa (Posen). Mit 3 Porträts. Berlin I. Singer & Co. Grosse Präsidentenstrasse No. 2.

איינגע פֿון די אויבענדערמאהנטע ביכער וועלען מיר אין קורצען בריי־טער ארומרעדען.




**Do Ameryki i Kanady!**

przeprawia **najtaniej i najlepiej** pospiesznymi i pocztowymi, wprost bez żadnego przesiadania z okrętu na okręt:

Generalny agent

**M. G. Freudberg,** ANTWERPIA 10 Van Leriusstraat (Belgia)

Odjazd do **Nowego Yorku** co sobotę; do **Kanady** co 10 dni! Wikt najlepszy, usługa staranna.

Niechaj nikt pierwej nie jedzie za morze, zanim od te Agencyi nie otrzyma wyjaśnień i cennika, który wysyła się chętnie i darmo.



**די בילליגסטע בעצוגסקוועללע**

אין ג טען אוהרען, גאָלד און זילבער, ביזשוטערי, אוהרען־בעשטאנדטיילע און ווערקציינע, ווי אייך מוזיק־אינסטרומענטע איזט ביי

**IGNATZ CYPRES, Krakau.**

FLORYANERGASSE 49.

איינע ניקעלטאַשענאוהר מיט 36 שטיק פּרימא ווררקע מיט אויפֿשריפֿט „סיסטעם ראָסקאָפּף“ מיט דרייאיעהריגער גאַראַנטיע זאַמט שענער ניקעלקעטע און לעדער־בייטעל פֿל. 1.95.

ביי אבנאהמע פֿון דריי שטיק פֿל. 5.50, זעכס שטיק פֿל. —.10.

רייך איללוסטרירטער פּרייז־קוראַנט מיט 800 אבבילדונגען גראַטיס און פֿראַנקאָ.

אגענטען ווערדען געזוכט!

**Darmo i opłatnie** otrzyma każdy mój bogato illustrowany cennik **Instrumentów muzycznych** oraz różnych zabawek



**A. Scheuer, Kraków**

ulica Grodzka L. 59/6.

**Ostrzeżenie!**

**przed bezwartościowemi naśladownictwami!**

**KUNEROL**

z poręczen. najczyściejszy tłuszcz roślinny z orzechów kokosowych zawierający 100% tłuszczu. — Żądać „KUNEROLU“ w każdym lepszym handlu spożywczym. Do miejscowości, gdzie niema „KUNEROLU“ wysyłamy na próbę około 5 kilogr. brutto po cenie Kor. 6·50 opłatnie do każdej stacyi poczt austr. węg. za zaliczką. — Dla hurtowników specyalne ceny. Broszurki i świadectwa lekarzy darmo.

**Najstarsza i największa fabryka tłuszczu roślinnego w monarchii**

**Emanuel Khuner & Sohn**

Wien, XIV/2.

מען זאָל זיי ערלויבען טראָגען בגדי חול, כדי זיי זאָלען זיך ניט וואַרפען אין די אויגען. נור די פויערים וועלען זיי דערקענען אָן... אפּעטיט. אין גאַנץ קורלאַנד האָט מען איצט איינגעפיהרט אַ מיליטער־צושטאַנד.

## א גענעראל סטרייק אין ווארשא.

אין פערלויף פון אַ וואָך האָט וואַרשא שוין דעם צווייטען גענעראַל סטרייק. דער ערשטער איז געווען אַ פּראָטעסט נעגען דער ביאַליסטאָקער הריגה, וואו עס זענען געטויט געוואָרען 60 יודען. דער צווייטער, היינטיגען מאָנטאַג, פּראָטעסטירט נעגען דער צאַרישער קאָמעדיע, נעגען דער „קאָנסטיטוציע". ווי דער ערשטער אַזוי דער צווייטער איז פאָלקאָם געלונגען.

## א נוטער איינפאל.

א רוסישע צייטונג, נאַטירליך אַ רעאַקציאָנערע, האָט פּראָפּאָנירט, מען זאָל די רומאַ ארומרינגלען מיט קאָזאַקען, ווייל נור דאַן וועלען די אַבגעאָרדנעטע האָבען דרך ארץ פאַר'ן געזעטץ. די רוסישע רעגירונג וועט געוויס דעם איינפאַל פּאַטענטירען.

---

# פון יודישען טעאטר.

## די יודען

### א שוישפּיעל אין 4 אַקטען פון ע. טשירקאָוו

איבערזעצט פון י. וואַסערמאַן.

א פאָלקסטעאַטר מיט שפּיעלער־אַמאַטאָרען. מיט אַלע זיינע מעלות און חסרונות: מיט'ן פערשפּעטינען זיך, שטויסען זיך, ערטער אָהן נומערן, שלעכטע דעקאָראַציע און כאַראַקטעריסטיק, אָבער דערפאַר מיט אַ היימליכען, נאַטירליכען טאָן. די שפּיעלער האַלטען דאָס שפּיעל ניט פאַר קיין מלאכה, זיי שפּיעלען מיט בעגייסטערונג. אַזאַ איז געווען דער אַמאָליגער טעאַטר. דאָס פּובליקום איז אַריין יודישע, אַ וואַלד מיט ברונעטען, איהר איבערציינט אייך, אַז די נאַטור האָט זעלטען אַ טעות... שוין האַלב ניין, אַ קריסטליך פּובליקום וואָלט שוין די פּאָרלאָנגע צוהאַקט. דאָס יודישע פּובליקום זיצט רוהיג. אַ יוד קען וואַרטען... דערביי איז עס אַנ'אינטעליגענטגערע. ענדליך ווערען זיי שוין אויך אָן דאָס געדולד. דאָס מוזיק שפּיעלט, איין מאָל, צוויי מאָל. דער פאָרהאַנג פון דער סצענע הויבט זיך פּאַמעלאַך אויף. מען שפּיעלט: „די יודען". דאָס האָט אָנגעשריעבען אַ קריסט, אַ רוס. עס איז שוין אַ כלל אין דער ליטעראַטור, אַז די יודען אין די קריסטליכע שרייבערס ווערק זענען ניט קיין יודען. עס פעהלט זיי שטענדיג פעפער און זאַלץ. איבערהויפּט די פרומע יודען, דער אַלטער דור זיינען פאַר זיי כספר החתום, ווי אַ פערזיעגעלטעס בוך. ווייל דער קריסט קען איהם נאָר פון אַנ'אַנדער זייט ווי מיר קענען איהם; ווייל אַנדערש רעדט ער מיט איהם און אַנדערש מיט אונז, אַנדערש אויפ'ן גאַס און ווידער אַנדערש ביי זיך אין הויז. פון דעם כלל זענען „די יודען" פון טשירקאָוו'ען קיין אויסנאַהם ניט. אַ דאַנק דעם אָבער וואָס דאָס האָבען געשפּיעלט יודען, האָבען דעריבער זאָגאַר ניט יודישע רעדען אָפטמאָל אויסגעזעהען יודיש. איהר זעהט מיט אַמאָל צוויי צימערן און גלייכצייטיג צוויי וועלטען. אין ערשטען ארבייט לייזער פרענקעל דער אוהר־מאַכער מיט זיין געזעל שלמה. דאָ איז אַלעס, אָנגעפאַנגענדיג פון די מלבושים און ענדיגענדיג אויף די געשפּרעכען אַלטוועלטיש; אין צווייטען צימער הערשט שוין די קולטור. לייזער'ס ביידע קינדער, לאה און ברוך סטודירען שוין. צווישען די צוויי צימערן איז נאָך אָבער דאָ אַ שטאַרקער קשר: דער אַלטער לייזער ליעבט זעהר שטאַרק זיינע קינדער און האַלט זיי אויס. אַנ־אַלטער יוד וואָס שיקט זיינע קינדער סטודירען, דאָס איז שוין אַ פאַרשרייט. אין געוועהנליכע צייטען וואָלטען די קינדער געענדיגט דעם אוניווערסיטעט און דער אַלטער לייזער וואָלט קלויבען נחת. זענען אָבער די צייטען אונגעוועהנליכע. עס זענען פּאָגראָמען־צייטען, די אַטמאָספערע איז אָנגעזויגט מיט יודיש בלוט, אמת ניט נור מיט יודיש בלוט... און אַזאַ אַטמאָספערע איז ניט גינסטיג פאַר אַ דראַמאַט, די געוועהנליכע מענשליכע קאָליזיאָנען, די פריידען און ליידען בלאַסען, ווערען פערשוואונדען נעגען דער גרויסער שרעקליכער טראַגעדיע; די צרות פון יחידים ווערען דערטרונקען אין ים פון דעם גאַנצען פאָלקס צרות. עס איז ניט געלונגען אָנצושרייבען אַ דראַמאַ דוד פּינסקי'ן; עס איז נאָך ווייניגער געלונגען טשיריקאָוו'ען. לייזערס קינדער האָט מען פאַר געהמען אַנ'אַנטהייל אין די „אונרוהען" אויסגעשלאָסען פון אוניווערסיטעט. א געוועהנליכע געשיכטע אין רוסלאַנד. און אויך געוועהנליכע זיינען שפּעטער די סצענעס, וועלכע דער יונגער אַקאַדעמיקער מוז אין דער היים איבערלעבען. נאָך ספּעציעל אין אַ יודיש הויז. „מיר זיינען פרעמדע, מיר מוזען זיצען רוהיג" — זינגט איהם דער טאַטע און די מאַמע גאַנץ אָפט אונטער'ן אויער. דאָס זעלבע טהוט לייזער. צו לייזער'ן אין הויז געהט אַריין נחמן, דער לעהרער, אַ ציוניסט. ער האָט שוין פון לאַנג געשאַרפט די ציין אויף די יונגע לייט, וואָס האָבען ניט געהאַלטען פון זיינע חלומות. איצט איז געקומען די צייט, ווען ער קען זיך אָן זיי נוקם זיין. אין דער לופט פיהלט מען פּאָגראָמען. „וואו זיינען אייערע אידעאַלען", שפּאָט ער פון זיי. און אין אַזאַ צייט הערט אויף לאָגיק, די ממשלה איבער די מענשען בעקומט די שטימונג. און זי איצט אין גאַנצען אויף דער זייט פון נחמן דעם ציוניסט. אויף זיין זייט אַרגומענטירען... די שטיינער, וועלכע פאַלען אַריין אין די פענסטער, דאָס ווילדע געשריי און פייפעריי אונטער די פענסטער, די אויסגעפּענטעטע פינסטערע מאַכט פון פאַנאַטיזמוס און ווילדקייט. און נחמן טרעט צו צו זיין אַרבייט מיט גרויס נעניטקייט, מען זעהט אַז ער האָט לאַנג אויף דעם געוואַרט. ער זוינט דאָס בלוט פון די יונגע סטודענטען ביסלעכווייז, ער איז שופך דם טראָפּענווייז. גלייכצייטיג טרעט אָבער אַרויס אַ צווייטער טיפּ. אַנ'ערעלערער — דער אַלטער לייזער. ער ליעבט זיינע קינדער און דעריבער ליידעט ער פאַר אַלעס. די יונגע קינדער, די רעפּרעזענטאַנטען פון דער נייצייטיגער קולטור זענען פון אַלע זייטען אַטאַקירט: מבית ומחוץ, פון אינעווייניג און פון אויסענווייניג. צו אַזאַ קאַמפף זיינען זיי ניט צוגעפּאַסט, זיי מוזען פאַלען. און דאָ קומט אָן דער עפּיזאָד פון לאה'ס ליעבע און בערעזין'ען, אַ געוועזענעם רוסישען סטודענט. דער עפּיזאָד איז בלאַס, מאַכט קיין רושם ניט. די טהרערען פון לאה ריהרען אונז ניט, ווייל פאַר אונזערע אויגען שטעהט די גרויליכע טראַגעדיע — דער יודישער פּאָגראָם. און נחמן טריאומפירט. אַלעס געהט כשורה, נאָך זיינע אידעען נאָך. און די אידעע איז: שנאת עולם לעם עולם, אויף יודיש הייסט עס: צווישען יודען און קריסטען קען קיין מאָל קיין פריעדען ניט זיין. די קריסטען זענען איינער שוואַרצער פאַר'ן אַנדער'ן און טאָמיר איז עס נאָך ווייניג — האָבען מיר ביי יעדען אַקט אַ פּאָגראָם.

דאָס איז דער אינהאַלט פון „די יודען". מיר האָבען שוין געזאָגט, אַז דאָרט איז דאָ נאָר ווייניג יודישעס. אַלס רעפּרעזענטאַנטען פון דעם יודענטהום טרעטען דאָ אַרויס דער אַלטער לייזער מיט'ן געזעל שלמה, וועלכע זעהען ניכער אויס ווי אַ מלמד מיט אַ תלמיד און ניט ווי אַ מייסטער מיט אַ געזעל. דאָ הערשען נאָך פּאַטריאַרכאַלע בעציהונגען. אין לעבען איז עס שוין נאָר אַנדערש. אין דעם היינטיגען יודישען לעבען שפּיעלען שוין די ראָליע ניט קיין שלמה'ס נאָר אַרבייטער, ניט קיין לייזער'ס נור בלוטזויגער־מייסטער און דערביי זיינען דאָ גרויסע אויסבויטער אויך. מיר הערען זאָגאַר פון זיי אין דעם דראַמאַט, נור דער פערפאַסער האָט זיי מורא געהאַט צו ווייזען; דאָס וואָלט קאַליע געמאַכט דעם עפעקט. נור דער הויפּט איז, אַז אין לעבען זענען די ציוניסטען אַנדערע און די סאָציאַליסטען אַנדערע. פאַקטיש האָבען געגען פּראָגראָם געקעמפּפט סאָציאַליסטען און ניט ציוניסטען; פאַקטיש האָבען די פּאָגראָמען פערשטאַרקט די סאָציאַליסטישע בעוועגונג און פערשוואַכט די ציוניסטישע. מיר הערען אפילו, אַז נחמן האָט אויסגעזידעלט דעם נביר, דעם פאָרזיצענדען פון די ציוניסטען דערפאַר וואָס ער איז אַ פּיאַווקע, אָבער מיר קענען זיין זיכער, אַז דאָס רוב ציוניסטען האָבען געהאַלטען מיט'ן, נביר. אַלס קונסטשטיק האָבען „די יודען" אַ ווייניגען ווערט. עס איז צוגעשניטען אָהן אַ מאָס, די איינציגע אַקטען האַלטען זיך שוואַך בייזאַמען. פּיעל איבעריגע עפּיזאָדען (אַהרן, לייזערס ברודער, די מוהמע) און דערביי איז עס נאָר אָהן אַנ'אַקציע, וויכטיגערע מאָמענטען פּאַסירען הינטער דער סצענע און ווייניגער וויכטיגע אָבער עפעקטאָוונע שלעסט דער פערפאַסער אויף די סצענע. דערביי איז איבער דעם ווערק דער קראַקויער פּאָליציי צענזאָר, ווי געוועהנליך אומגעלומפּערט, דורכגעפאַהרען מיט זיין רויטען בלוישטיפט.

*

געשפּיעלט האָט מען די שטיק זעהר גוט. אויסגעצייכנט האָבען געשפּיעלט נחמן־פּאָזנאַנסקי, און לייזער־געבירטיג. גליקליכע מאָמענטען האָט געהאַט לאה, פריילין וואַסערמאַן, איבערהויפּט ווען זי איז געוואָרען צוריק אַ יודיש מיידעל, זעלטענערע — בערעזין־פּראָקאָפּ און ברוך־חאָמאַנטאָווסקי. ווייטער האָט גוט געשפּיעלט שלמה־קאָלוזינסקי, אהרן־הערמאַן (אין דער ראָליע פון איסערזאָהן האָט ער שלעכט געשפּיעלט, אָבער אין דעם איז שולדיג דער פערפאַסער), מאַשאַ, פריילין איינזיעדלער, דר. פוהרמאַן־וואַסערמאַן און ישראל, צייטונגס־קאָלפּאָרטער. זיי האָבען אַלע גוט פערשטאַנען

Proszę zawsze żądać **Wyrobu krajowego!**

**Munka oszczędzające, jędrne mydło**

**z „nosorożcem" lub „kosą"**

z Pierwszej Galicyjskiej Parowej Fabryki **mydła i świec**

Szymona Munka w Żywcu

(Założonej w roku 1846) Próbki i cenniki darmo.

## Wydawnictwa Spółki nakładowej „Książka".

***Blos Wilhelm**. Rewolucya Francuska. Z 2 rycinami. Dwa tomy. (Na cienkim papierze 2 tomy w jednym). Cena 12 koron.

***Feldman W.** O Rosyi. Cena 1 korona.

***Informator.** Stronnictwa polityczne w Królestwie Polskiem Cena 2 korony.

**Kalthoff Albert.** Światopogląd religijny. (Treść: Przedmowa. Wstęp. — Nieskończoność świata. — Zachowanie siły. — Teorya rozwoju. — Pochodzenie wiary w Boga. — Treść wiary w Boga. — Modlitwa. — Stary i nowy człowiek. — Wiara i wiedza. — Wiara i jednostka. — Wiara i życie. — Prawo dziedziczności. — Prawo przystosowania. — Idealizm. — Ideał i życie. — Ideał jednostki. — Ideał społeczny. — Ideał religijny. — Wspólnota religijna. — Kult religijny. — Biblia. — Nauka religii. — Religijne wychowanie młodzieży. — Symbole religijne. — Religia a klechy. — Rzut oka wstecz). Cena 3 korony 20 halerzy.

***Kasprowicz Jan.** Chrystus. Poemat społeczno-religijny. Cena 3 korony w oprawie.

***Mańkowski Mieczysław.** U stóp szubienicy. Urywek ze wspomnień więziennych „proletaryatczyka". Cena 60 halerzy.

***Marks-Engels-Liebknecht.** Odbudowanie Polski. (Zbiór artykułów o kwestyi polskiej.) Cena 2 korony.

***Narkiewicz-Jodko i Szymon Dyksztajn.** Polski Socyalizm Utopijny na emigracyi. (Dwie rozprawy). Cena 1 kor. 20 hal.

**Orkan Władysław.** Herkules nowożytny i inne wesołe rzeczy. (Zbiór nowel). Cena 2 korony.

**Orkan Władysław.** Ofiara. Fragment w 3 aktach z 1846 r. Cena 1 korona 50 halerzy.

**Orkan Władysław.** Wina i Kara. Tragedya w 3-ech aktach. Cena 2 kor.

***Płochocki Leon.** Rosyjskie partye polityczne i ich stosunek do sprawy polskiej. (Treść: Przedmowa. — 1881 — 1903. Rosyjskie stronnictwa polityczne w przededniu wojny. — Stronnictwa rosyjskie wobec sprawy polskiej. — Dodatki). Cena 3 korony.

***Stepniak S.** Losy nihilisty. Romans. Z przedmową Jerzego Brandesa. Cena 6 koron.

**Verhaeren E.** Jutrznie. Dramat społeczny. Przekład Maryi Markowskiej. Cena 2 korony.

* * *

***Gierszyński Henryk dr.** Emigracya i Skarb narodowy. Cena 20 halerzy.

***Luśnia Michał.** Jak się narody rządzą? (Wydawnictwo Związku Postępowej Młodzieży Polskiej z funduszu imienia H. Bukowskiego). Cena 60 halerzy.

***Plechanow.** Anarchyzm i socyalizm Cena 2 koron 60 hal.

***Rocznik Związku Postępowej Młodzieży Polskiej.** Rocznik I. 1905. Cena 1 korona.

**Rops F.** Porządek panuje w Warszawie. (Wspaniała heliograwura). Cena 7 koron 50 halerzy.

***Zmowa powszechna przeciw rządowi.** (Wydawnictwo Ludowego Koła Oświaty). Cena 30 hal.

Wydawnictwa, oznaczone gwiazdką (*) nabywać można również na specyalnym cienkim papierze).

**Do nabycia we wszystkich księgarniach.**

## Pod prasą i wkrótce wyjdą.

**Jaeckh G.** Historya Międzynarodowego Stowarzyszenia Robotników.

**Promus C.** Powstanie chrześciań
stwa.

**Wasilewski Leon.** Rządy konstytucyjne w Zachodnie Europie i Ameryce.

צו בעקומען אין אלע גרעסערע געשעפטען

**PARVEOL**

!!

די רייניסטע

גוואראנטירטע

פפלאנצונגס

פוטער

פארטרעט פאלשטענדיג
דאס נאטירליכע פוטער.

נויטהיג אין יעדער יודישער
קעך צום קאכען, פרעגלען
און באקען.

און דער פאבריק פון יאנ. זינגער אין ביעלסק (עסטרייכישע שלעזיען).

דער גענ. פערטרעטער פיר גאליציען און בוקאווינא:

Simon Loria, Kraków, Sebastayna 20.



Do

# Ameryki!

**jakoteż do innych zamorskich krajów przeprawia najtaniej** powszechnie znana firma

**B. Karlsberg, Hamburg**

**Ferdinandstr. 15.**

**Nim kto szyfkartę kupi, niech porówna moje ceny z cenami agentów okrętowych.**

# Skład Piwa Karwinskiego

Jego Eksc. hr. Larisch-Mönnich'a

**Kraków, ul. Poselska 15 — Telefon 431**

poleca P. T. Publiczności swoje wyśmienite piwa

jako specyalność

**PIWO ZDROWOTNE**

à la Kulmbachskie

**(Granatbräu)**

**I PIWO CESARSKIE**

à la Pilzneńskie, beczkowe i butelkowe.

jako specyalność

**Wysyłka do dumu. — O liczne zamówienia uprzejmie uprasza**

*Skład Piwa Karwińskiego*

Wydawca i odpowiedzialny redaktor **Ignacy Gross**. Z drukarn Józefa Fischera w Krakowi